פניני

# חלקינו בתורתיך

באידיש

גליון ב • שנה ד

יום הכיפורים
תשפ"ז לפ"ק

## המקדישים שמך בקודש, דרי מעלה עם דרי מטה

אין די לעצטע מינוטן איידער כל נדרי ווערט דער בית המדרש אלץ מער אנגעפילט. אידן קומען אריין, אנגעטון אין די ווייסע קיטלעך, מען וויקלט זיך איין אינעם טלית און מען גרייט זיך צו דער ערשטער תפילה פונעם יום הקדוש. יעדער טראגט מיט זיך זיינע מחשבות, זיינע בקשות און זיינע האפענונגען, און אלע אינאיינעם שטעלן מיר זיך פאר אבינו שבשמים, בעטן מחילה וסליחה און א גוט געבענטשט יאר.

מיר קוקן ארום און זעען די באקאנטע פנימ'ער, די אידן וואס שטייען נעבן אונז און דאווענען מיט אונז. אבער אין ספרי צדיקים ווערט דערציילט, אז **אין דער הייליגער שעה געפינען זיך אין בית המדרש נאך מתפללים, וואס נישט יעדער איז זוכה זיי צו זען**. נשמות פון עולם העליון קומען זיך מצרף זיין צו די תפילות פון אידישע קינדער דא אויף דער וועלט – "המקדישים שמך בקודש, דרי מעלה עם דרי מטה".


בית הכנסת של אברהם אבינו בעיר חברון

אויך דער ווייסער קיטל דערמאנט אונז אין דעם קשר מיט יענער וועלט. דער **מטה אפרים** ברענגט אין די הלכות פון יום הכיפורים (**סי' תר"ט-תר"י**), אז מען גייט מיט ריינע ווייסע בגדים דוגמת מלאכי השרת. דערביי איז דער קיטל אויך א בגד מתים, וואס ברענגט דעם מענטש צו הכנעה און צו א צעבראכן הארץ. אין דעם טאג, ווען מיר זענען געגליכן צו מלאכים, דערמאנען מיר זיך אויך אז מען בלייבט נישט דא אויף אייביג, און עס וועט קומען א צייט ווען מען וועט דארפן צוריקגעבן די נשמה ליוצרה.

אזוי ווערן אויפגעוועקט די זכרונות פון אונזערע טייערע עלטערן און רבותינו הקדושים, וואס זענען שוין בגנזי מרומים. אמאל זענען זיי געשטאנען מיט אונז אין בית המדרש; היינט קענען מיר זיי שוין נישט זען, אבער **אין זייערע זכיות האלטן מיר זיך אן, און מיט זייער כח בעטן מיר רחמי שמים**. אזוי ווי א גפן וואס ווערט אונטערגעהאלטן דורך טרוקענע שטעקנס, אזוי אויך האלטן זיך די לעבעדיגע אין די זכותים פון די וואס זענען שוין אוועק.

באקאנט זענען די ווערטער פונעם **חתם סופר** אויף דעם מאמר חז"ל "**ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, ואתם אומרים שירה**". אין די טעג ווערן געמשפט סיי די לעבעדיגע און סיי די נפטרים; דערפאר זענען אפן סיי די ספרי חיים און סיי די ספרי מתים. די נפטרים קענען אבער שוין נישט מקיים זיין די מצוה פון הלל, ווייל "**במתים חפשי**" – נאכן פטירה ווערט דער מענטש פטור פון די מצוות. זאגן אויך מיר נישט קיין הלל אין די ימים נוראים, כדי נישט צו מאכן קיין חילוק צווישן די לעבעדיגע און די נפטרים, וואס שטייען אין דער שעה אינאיינעם צום דין.

### די באהאלטענע מתפללים

אינעם נייעם ספר **יפה נוף** אויף יום הכיפורים ווערט געברענגט פונעם ספר "**בית הכנסת שבבעלזא**", א וואונדערליכע מעשה ביים **הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע**.

איין יאר איז געווען א גרויסע ענגשאפט אין בית המדרש ביינאכט ביי כל נדרי. האט דער הייליגער בעלזער רב געהייסן, אז אלע אנוועזנדע זאלן אויסטון די קיטלעך. דער עולם האט זיך געוואונדערט אויף דער באפעל, אבער מען האט תיכף געפאלגט. און ווי נאר מען האט אויסגעטון די קיטלעך, האט מען געשפירט ווי עס ווערט מער רחבות אין בית המדרש.

נאכן דאווענען האט דער רב ערקלערט, אז בשעת כל נדרי קומען נשמות פון עולם העליון אינעם בית המדרש של מטה. זיי שטייען צווישן די לעבעדיגע, און וויבאלד אלע זענען אנגעטון אין ווייסע קיטלעך, דערקענט מען נישט ווער עס איז א לעבעדיגער און ווער עס איז א נשמה פון יענער וועלט. דערפאר איז געווען אזא גרויסער געדרענג. ווען די לעבעדיגע האבן אויסגעטון די קיטלעך, האט מען שוין געקענט דערקענען די נשמות, און זיי האבן געמוזט פארלאזן דעם בית המדרש. אזוי איז געווארן פלאץ פארן עולם.

דער ספר שרייבט, אז פון דעמאלט אן האט זיך איינגעפירט אין בעלזא, אז די חסידים גייען נישט מיט קיין קיטל אום יום כיפור.

אינעם ספר **מהרי"ל דיסקין** (**פרשת אחרי**) ווערט געברענגט אן אנדערער הסבר אויף אזא מעשה. ווען מען האט עס דערציילט פארן מהרי"ל דיסקין זצ"ל, האט ער געזאגט, אז די וואס האבן אנגעפילט דעם בית המדרש זענען געווען אידישע אנוסים. א גאנץ יאר האבן זיי מורא געהאט צו קומען דאווענען,

**הגליון נתנדב**

לעילוי נשמת

הרה"ח ר' **עוזר** ב"ר זרח **גליק** ז"ל

יארצייט ח' תשרי

- המשך מעמוד א׳ ›

כדי מען זאל נישט דערקענען אז זיי זענען אידן. יום כיפור אבער, ווען מען פלעגט דאווענען מיטן טלית איבערן פנים, האבן זיי זיך אויך אריינגעכאפט אין בית המדרש, מיט דער האפענונג אז קיינער וועט זיי נישט דערקענען.

דער רב האט חושש געווען, אז זייער פנים וועט זיך דאך אנטפלעקן און זיי וועלן אריינפאלן אין א סכנה. האט ער אויסגערופן אז יעדער זאל אראפנעמען דעם טלית. די אנוסים האבן דעריבער געמוזט ארויסגיין, און כדי צו באהאלטן זייער סוד פונעם עולם, האט דער רב געזאגט אז דאס זענען געווען נפטרים.

נאך א מעשה ברענגט דער **יפה נוף** פונעם ספר **"במחיצתו של הרבי מריבניץ"**, וואס מען האט געהערט פונעם **הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע**, איבער זיין רבי'ן, דער **הרה"ק משטעפינעשט זי"ע**.

בשעת כל נדרי איז אמאל געווארן א שרעקליכער געדרענג אין בית המדרש. עס זענען נישט געווען אזויפיל מענטשן, אז עס זאל זיין אזוי ענג, און דאך האט מען זיך קוים געקענט רירן. האט זיך דער שטעפינעשטער רבי אויסגעדרייט צום עולם און אויסגערופן בקול גדול: **"אלע לעבעדיגע זאלן זיך אויסטון די טלית!"**

מיטאמאל איז דער בית המדרש געווארן האלב ליידיג. די נשמות וואס זענען געקומען פון עולם העליון צו דער תפלת כל נדרי האבן פארלאזט דעם ארט, און א גרויסע חרדת אלקים איז געפאלן אויף די אנוועזנדע.

ענליכע מעשיות ווערן דערציילט אויפן **מהר"ל זצ"ל**, אויפן **הרה"ק רבי משה מקיטוב זצ"ל** א תלמיד פונעם הייליגן בעש"ט, אויפן **הרה"ק רבי דוד מדינוב זצ"ל**, און אויפן **הרה"ק בעל אהבת שלום מקאסוב זצ"ל**. די ענינים ווערן געברענגט באריכות אינעם ספר **עבודת הצדיקים** (ערך כל נדרי, נשמות מעולם העליון).

מיר אליין זעען נישט די זאכן. אין די ענינים זענען מיר **מאמינים בני מאמינים**. אבער די צדיקים, מיט זייערע הייליגע אויגן, האבן געזען וואס איז פאר אונז באהאלטן. די מעשיות וואס זענען איבערגעבליבן פון דור צו דור געבן אונז א שטיקל השגה, וועגן עס שטייט מיט אונז אין דער שעה וואס מיר גיסן אויס דאס הארץ פארן באשעפער.

## דער צענטער איד אין חברון

איינע פון די באקאנטע מעשיות אין דעם ענין האט פאסירט אין דער עיר האבות חברון, אין יאר ה' שכ"ה. דער הייליגער **תפארת שלמה** ברענגט דאס (פרשת לך לך) בשם דעם ספר **עמק המלך**.

ערב יום כיפור זענען געווען אין חברון בלויז ניין אידן. מען האט געווארט אויף די אידן פון די דערפער ארום, אז זיי וועלן קומען דאווענען מיט זיי, אבער קיינער איז נישט געקומען. זיי זענען אלע געגאנגען קיין ירושלים עיה"ק, וואס איז געווען א וועג פון א פערטל טאג.

די שעות זענען אריבער, די זון האט זיך שוין געניגט צום אונטערגיין, און דער צענטער איד איז נאך אלץ נישט אנגעקומען. די ניין אידן זענען געווען אין א גרויסן צער און האבן פיל געוויינט. דער הייליגער יום כיפור קומט שוין, און זיי וועלן אים מוזן דורכמאכן אן א מנין.

פלוצלינג הייבן זיי אויף די אויגן און זעען אן אלטן איד קומען פון דערווייטנס. זיי זענען געווארן פרייליך אז **מיט דעם איין איד איז געווארן א גאנצער מנין, און זייער צער האט זיך פארוואנדלט אין א געוואלדיגע שמחה.**

מען האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און דערלאנגט צו עסן די סעודה המפסקת. דער זקן האט זיי אנגעוואונטשן און געזאגט אז ער האט שוין געגעסן אויפן וועג. אזוי האבן זיי זוכה געווען צו דאווענען דעם גאנצן יום הקדוש מיט מנין, און דעם חשוב'ן גאסט האט מען שטארק מכבד געווען.

מוצאי יום כיפור האט יעדער געוואלט אריינעמען דעם גאסט צו זיך אין שטוב. מען האט זיך נישט געקענט פארגלייכן ווער עס זאל האבן די זכיה, ביז מען האט באשלאסן צו ווארפן גורל. דער גורל איז געפאלן אויפן חזן, א חסידישער איד וואס פלעגט זען וואונדערליכע זאכן אין חלומות און חזיונות לילה.

דער חזן איז געגאנגען אהיים, און דער גאסט איז געגאנגען אונטער אים. אנקומענדיג נעבן זיין שטוב, האט ער זיך אויסגעדרייט אים מכבד צו זיין אריינצוגיין פריער. אבער דער גאסט איז נישט געווען דארט. מען האט אים געזוכט אין די גאסן און נישט געקענט געפינען. אלע האבן שטארק מצטער געווען, מיינענדיג אז ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון זיי, און האט זיך דעריבער ארויסגעלאזט אויפן וועג אינמיטן דער נאכט.

יענע נאכט איז דער זקן געקומען צום חזן אין חלום און אים געזאגט, אז **ער איז אברהם אבינו ע"ה**. ער האט געזען זייער גרויסן צער, אז זיי וועלן נישט האבן מיט וועמען צו דאווענען יום כיפור, איז ער געקומען משלים זיין דעם מנין. די אידן האבן זיך זייער געפרייט און געלויבט דעם אויבערשטן אויף דעם גרויסן חסד וואס ער האט געטון מיט זיי.

דער **תפארת שלמה** טייטשט מיט דער מעשה די ווערטער פון רש"י אויפן פסוק "והיה ברכה" – **"בך חותמין"**. די תפלת נעילה איז דער גמר החתימה. האט דער אויבערשטער מרמז געווען פאר אברהם אבינו, אז ער וועט זיך מצרף זיין צום מנין אין חברון אום יום כיפור, און מיט אים וועלן זיי דאווענען נעילה – "בך חותמין". אויף דעם נאמען פון דער מעשה האט מען גערופן דעם בית הכנסת אין חברון **"בית הכנסת של אברהם אבינו"**.

ווי אזוי מען קען מצרף זיין צום מנין א נשמה פון עולם העליון, וואס איז שוין נישט בכלל בני חיובא, איז טאקע שווער צו פארשטיין. אבער אברהם אבינו איז זיכער נישט אומזיסט געקומען משלים זיין זייער מנין. הגם מיר פארשטייען נישט דעם טעם הדבר, איז דער אינהאלט פון דער מעשה, אז די אידן האבן דורך אים זוכה געווען צו א תפילה בציבור כדת וכדין.

## "איך זע אויך צען"

א וואונדערליכע מעשה פון אונזערע צייטן האב איך געהערט פון מיין ידיד **הרה"ח רבי שרגא צבי פישמאן הי"ו, בן הרה"ח רבי יצחק מאיר הי"ו**.

**הרה"ח רבי יוסף גראספעלד הי"ו** וואס פירט אן מיטן בית התבשיל אין מחנה קראסנא, איז געווען מקורב צום **הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע** נאך פון די יארן אין רוסלאנד. ער האט דערציילט א מעשה וואס ער אליין האט מיטגעהאלטן, זייענדיג אמאל אין שטוב ביים רבי'ן, ווען דער רבי האט זיך געגרייט צו דאווענען שחרית.

דער רבי האט געהאט א מנהג בקודש, אז ווען עס האבן אים געפעלט מענטשן צום מנין, למשל ווען עס זענען געווען זעקס מתפללים און עס האבן געפעלט נאך פיר, האט ער געציילט ביז צען און זיך געשטעלט דאווענען.

יענעם מאל איז דארט אויך קיין מנין נישט געווען. דער רבי האט אבער אנגעהויבן צו ציילן פון איינס ביז צען און זיך געשטעלט דאווענען. ווי נאר דער רבי האט געזאגט "צען", האט זיך רבי יוסף אנגערופן: **"יא, איך זע אויך צען."**

רבי יוסף האט ערקלערט, אז ער האט אינגאנצן עפעס אנדערש געמיינט. ער האט פארשטאנען אז דער רבי רעדט פונעם זייגער, אז עס איז שוין צען אזייגער אינדערפרי. דערפאר האט ער געזאגט אז ער זעט אויך אז עס איז "זייגער צען".

דורך דעם איז נתגלה געווארן א קליינגקייט פון די הייליגע מדריגות פונעם ריבניצער רבי'ן. מען האט פארשטאנען אז דער רבי האט נישט אומזיסט געציילט ביז צען; ער האט געזען די הייליגע נשמות וואס זענען געשטאנען מיט אים אין צימער, און מיט זיי האט ער זיך געשטעלט דאווענען צום אויבערשטן.

## מיט וועמען מיר דאווענען

דער כהן גדול פלעגט זאגן בשעת קריאת התורה: **"הרבה יותר ממה שקריתי לפניכם כתוב כאן"**. די ווערטער דערמאנען אונז, אז אויך אין אונזער בית המדרש געפינט זיך אין דער הייליגער שעה פיל מער ווי דאס וואס מיר קענען זען.

ווען מיר שטעלן זיך צו כל נדרי, שטייען מיט אונז די הייליגע נשמות פון עולם העליון. די תפילות פון די לעבעדיגע פאראייניגן זיך מיט די תפילות פון די דרי מעלה, און אלע אינאיינעם הייליגן מיר דעם אויבערשטנ'ס נאמען. **דער בית המדרש וואס מיר זעען מיט אונזערע אויגן איז נאר א חלק פון דעם גרויסן ציבור וואס שטייט אין דער שעה פאר אבינו שבשמים.**

מיט דער מחשבה גייען מיר אריין אינעם יום הקדוש, מיט הכנעה און מיט דער האפענונג אז אונזערע תפילות וועלן אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון. דער אויבערשטער זאל עפענען פאר אונז אלע **"שערי אור"**, און אונז מזכה זיין מיט א **גמר חתימה טובה, בבני חיי ומזוני וכל טוב**. דאס יאר זאל שוין זיין דאס יאר וואס **"יתנשא ה'"** (בגימטריא תשפ"ו) מיט דער ביאת גואל צדק, במהרה בימינו אמן.

(הרה"ח ר' **אברהם ישעי' קליין** הי"ו)

# דער קשר וואס ברענגט צוריק

ערב יום כיפור, איידער מען גייט אין שול, שפירט זיך אין דער אידישער שטוב א באזונדערע התעוררות. צווישן די הכנות צום יום הקדוש זוכט א איד זיך מקשר צו זיין צו זיינע עלטערן. ווער עס איז זוכה אז זיינע עלטערן לעבן, גייט ער צו זיי אז זיי זאלן אים בענטשן.

ווען דאס קינד גייט זיך בענטשן, בייגט ער דעם קאפ אונטער די הענט פונעם טאטן און נעמט אריין אין הארץ זיינע ברכות און תפילות. אפילו ער האט שוין אליין א שטוב מיט קינדער, איז ער נאך אלץ א קינד וואס וויל זיך אנהאלטן אין זיין טאטן.

און דער וואס האט שוין נישט קיין עלטערן, צינדט אן א ליכט לעילוי נשמתם. דערמיט טוט ער שטארקן זיין קשר מיט זיי. ביי בײדע מנהגים ווענדט זיך דאס קינד צו זיינע עלטערן און האלט זיך אן אין די פריערדיגע דורות, איידער ער גייט אריין אינעם יום הקדוש.

דער **מטה אפרים** ברענגט דעם מנהג, אז דער טאטע בענטשט די קינדער איידער מען גייט אין בית הכנסת, און בעט אז זיי זאלן פארחתמ'עט ווערן לחיים טובים, און זייער הארץ זאל זיין פול מיט יראת שמים **(סימן תריט סעיף ב)**. וועגן דעם ליכט וואס די קינדער צינדן אן פאר זייערע פארשטארבענע עלטערן שרייבן שוין די ראשונים, אז מען צינדט עס אן ערב יום כיפור מכפר צו זיין אויף דעם טאטן און דער מאמע, און דאס איז אן ענין פון כבוד שמים, ווי דער פסוק זאגט "באורים כבדו ה'" **(ארחות חיים, הלכות ערב יום הכיפורים אות יא; כלבו סימן סח; רמ"א או"ח סימן תרי סעיף ד)**.

דארף מען מבאר זיין דעם מנהג, פארוואס זוכט דאס קינד דווקא ערב יום כיפור זיך מקשר צו זיין צו די עלטערן, בחייהם דורכן גיין זיך בענטשן, און לאחר פטירתם דורכן אנצינדן א ליכט לעילוי נשמתם.

## א כח וואס גייט פון דור צו דור

דער הייליגער **שם משמואל** זאגט א יסוד וואס גיט אונז א נייעם בליק אויף דעם כח התשובה פון א איד **(פרשת כי תצא, שנת תרע"א)**.

די גמרא זאגט, אז א בן סורר ומורה, אויב זיין טאטע און מאמע ווילן אים מוחל זיין, קענען זיי אים מוחל זיין, און מען הרג'עט אים נישט **(סנהדרין פח ע"ב)**. פרעגט דער שם משמואל, דער בן סורר ומורה ווערט דאך נידון על שם סופו. די תורה האט געזען וואוהין זיין וועג וועט אים פירן, אז צום סוף וועט ער בארויבן מענטשן כדי נאכצוקומען זיינע תאוות **(שם עא ע"ב)**. וואס העלפט דערויף אז דער טאטע און די מאמע זענען אים מוחל? זיין סוף האט זיך דאך לכאורה נישט געענדערט.

נאך מער איז שווער, פארוואס פאר'משפט מען אים שוין יעצט אויף דעם וואס ער וועט שפעטער טון? אפשר וועט ער נאך תשובה טון און אינגאנצן איבערלאזן זיין שלעכטן וועג, מיר געפינען דאך ביי **רבי אלעזר בן דורדיא** אז אפילו נאכדעם וואס ער איז געווען אזוי שטארק איינגעזונקען אין הארבע עבירות, האט ער תשובה געטון מיט אזא אמת, ביז א בת קול האט אויסגערופן אז ער איז מזומן לחיי העולם הבא **(עבודה זרה יז ע"א)**.

ערקלערט דער שם משמואל, אז דער כח פון א איד תשובה צו טון איז פארבונדן מיט זיין שייכות צו די הייליגע אבות. **פון זיין טאטן האט ער מקבל געווען, זיין טאטע פון זיין טאטן, און אזוי גייט די שלשלת הקודש צוריק פון דור צו דור, ביז צו אברהם, יצחק און יעקב.**

דורך דעם קשר בלייבט די אינעווייניגסטע נקודה פון א איד ריין. אפילו ווען ער פאלט חלילה דורך מיט עבירות, קלעבט זיך דער שמוץ און פון דרויסן; זיין אמת'ע פנימיות בלייבט פארבונדן מיט די הייליגע אבות. דאס איז דער ענין וואס עס שטייט אין פסוק "אל תראוני שאני שחרחורת ששזפתני השמש" – קוקט נישט אויף מיין שווארצקייט, די זון האט מיך פארשווארצט **(שיר השירים א, ו)**. די שווארצקייט איז געקומען פון דרויסן, און מען קען זיך דערפון אפוואשן.

דאס גיט א איד דעם כח זיך אויפצוהייבן פון וואו ער איז געפאלן. **ער קען צוריקקומען, ווייל טיף אין זיך איז ער נאך אלץ פארבונדן מיט זיין הייליגן שורש.** די תשובה נעמט אראפ דעם שמוץ און ברענגט צוריק צום שיין די ריינע נקודה וואס איז שטענדיג געבליבן אין אים.

א בן סורר ומורה, וואס ווידערשפעניגט אין זיין טאטן און מאמען, רייסט זיך אבער אפ פון דער שלשלת הקודש. דערמיט פארלירט ער דעם כח וואס וואלט אים געקענט צוריקברענגען. אפילו ער וועט האבן א התעוררות תשובה, וועט עס נישט אנהאלטן, און ער וועט צוריקפאלן אין זיין פריערדיגן וועג.

ווען די עלטערן זענען אים מוחל, בלייבט דער קשר אבער גאנץ. ער איז נאך אלץ פארבינדן מיט זיי, און דורך זיי מיט די הייליגע אבות. ממילא איז זיין סוף שוין נישט זיכער; ער קען נאך תשובה טון און צוריק קומען בשלימות. דערפאר הרג'עט מען אים נישט.

דאס איז דער לשון פונעם שם משמואל: "**אבל כשאביו ואמו מוחלין לו, הנה הוא עדיין נקשר בשלשלת הקודש, שוב אינו נהרג, שיכול להיות שעוד ישוב בתשובה שלימה המתקבלת**".

## מיט דעם קשר גייט מען צו כל נדרי

די הייליגע ווערטער געבן אונז צו פארשטיין וואס עס ליגט אין די מנהגים פון ערב יום כיפור. אין דער שעה וואס א איד גרייט זיך תשובה צו טון, שטארקט ער זיין פארבינדונג מיט דער שלשלת הקודש, פון וואנעט ער שעפט דעם כח צו קענען צוריק קומען.

דאס קינד גייט צו זיין טאטן זיך בענטשן. ער וויל זיך מקשר זיין צו אים און זיך אנהאלטן אין זיין דרך. דער טאטע בעט אויף זיין לעבן, זיין הצלחה און זיין יראת שמים, און דאס קינד נעמט מיט זיך די ברכות צום יום הקדוש. דורכן קשר צו זיין טאטן פארבינדט ער זיך מיט דער הייליגער ירושה פון די פריערדיגע דורות.

און ווען די עלטערן זענען שוין אויף יענער וועלט, צינדט דאס קינד אן א ליכט לעילוי נשמתם. דאס איז א זאך וואס ער טוט פאר זיי, לזכותם ולעילוי נשמתם. מיטן ליכט גיט ער זיי כבוד און דערמאנט זיך אין דעם וועג וואס ער האט פון זיי מקבל געווען. ער בלייבט זייער קינד און וויל גיין אין זייערע וועגן.

אזוי שטארקט דאס קינד זיין קשר צו דער שלשלת הקודש, דורכן גיין זיך בענטשן אדער דורכן אנצינדן א ליכט פאר זיינע עלטערן. **אינעם יום הקדוש גייט מיט אים דער כח פון די דורות אין וועלכע ער האלט זיך אן.**

## צוויי מאל "וימאן"

ווי ווייט דער כח פון דעם קשר דערגרייכט, געפינען מיר ביי יעקב אבינו און יוסף הצדיק.

ווען מען האט געברענגט פאר יעקב אבינו די בשורה איבער יוסף, שטייט אין פסוק: "ויקומו כל בניו וכל בנותיו לנחמו **וימאן להתנחם**". אלע זיינע קינדער זענען געקומען אים טרייסטן, אבער יעקב אבינו האט נישט געוואלט אננעמען קיין טרייסט **(בראשית לז, לה)**.

שפעטער, ווען יוסף הצדיק איז געשטאנען פאר זיין ביטערן נסיון אין מצרים, געפינען מיר ווידער דאסווארט "**וימאן**": "**וימאן** ויאמר אל אשת אדוניו" **(שם לט, ח)**. יוסף האט זיך אפגעזאגט צו זינדיגן. חז"ל דערציילן, אז אין דער שעה האט זיך פאר אים באוויזן "דמות דיוקנו של אביו", די געשטאלט פון זיין טאטן **(סוטה לו ע"ב; רש"י בראשית לט, יא)**.

דער **נתיבות שלום** ערקלערט **(פרשת וישב)**, אז פון הימל האט מען אזוי געפירט, אז יעקב אבינו זאל נישט אננעמען קיין טרייסט, כדי דער קשר צווישן אים און יוסף זאל נישט איבערגעריסן ווערן. ווען עס איז געקומען די שעה פונעם נסיון, איז זיין הייליגע פארבינדונג מיט יוסף אים בייגעשטאנען, אז די געשטאלט פון זיין טאטן האט זיך פאר אים באוויזן.

יוסף איז געווען ווייט פון דערהיים, אליין אין מצרים, און האט זיך געדארפט שטעלן אנטקעגן א ביטערן נסיון. אבער אין דערהיים האט זיין טאטע נישט אויפגעהערט זיך צו בענקען נאך אים. מען האט געפרואווט טרייסטן יעקב אבינו, אבער "**וימאן להתנחם**" – ער האט זיך נישט געלאזט טרייסטן, און דער קשר מיט זיין זון האט ווייטער אנגעהאלטן.

דער קשר האט דערגרייכט ביז קיין מצרים. אין דער שווערסטער שעה איז יוסף נישט געווען אליין; די געשטאלט פון זיין טאטן איז געשטאנען פאר אים און האט אים געגעבן כח זיך צו האלטן פעסט בקדושה.

**דעם טאטנ'ס "וימאן להתנחם" האט געגעבן דעם כח פארן זונ'ס "וימאן".** דער טאטע האט נישט געלאזט איבעררייסן דעם קשר מיטן קינד, און דאס קינד האט דורך דעם געקענט ביישטיין זיין נסיון.

## א ברכה, א ליכט און א כח אויף ווייטער

ערב יום כיפור, ווען דאס קינד גייט זיך בענטשן ביי זיין טאטן אדער צינדט אן א ליכט לעילוי נשמת זיינע עלטערן, ווערט די הייליגע קייט פון פריש געשטארקט. ער דערמאנט זיך פון וואנעט ער קומט און אין וועמענס וועגן ער וויל גיין.

א איד קען זיך שפירן ווייט. ער ווייסט וואס ער דארף פאררעכטן, אבער צווייפלט צי ער קען אנהייבן פונדאסניי. לערנט אים דער שם משמואל, אז **דער כח התשובה ליגט אין דער ריינער נקודה וואס פארבינדט אים מיט די הייליגע אבות**. דורכן אנהאלטן אין דער שלשלת הקודש וועט ער שעפן כח זיך צו רייניגן און צוריקקומען.

מיט די ברכות וואס ער האט באקומען פון זיין טאטן, אדער מיטן קשר וואס ער האט געשטארקט דורכן אנצינדן א ליכט לעילוי נשמת זיינע עלטערן, גייט ער אריין אין בית המדרש. ער האלט זיך אן אין די פריערדיגע דורות און שטעלט זיך פארן טאטן אין הימל, מיט דער האפענונג צו א תשובה שלימה המתקבלת.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זיך שטענדיג אנהאלטן אין דער שלשלת הקודש, גיין אין די וועגן פון אונזערע עלטערן און איבערגעבן די הייליגע ירושה פאר אונזערע קינדער. אונזער תשובה און אונזערע תפילות זאלן אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון, און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה.

(הרה"ג ר' **חיים אהרן אונגאר** שליט"א
- רב דביהמ"ד לב אהרן וויליאמסבורג
– פרשת כי תצא תשפ"ו)

## דרשת כל נדרי פון מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע בשנת תש"ה אין טרעיזענשטאט

ערב יום כיפור תש"ה. אידן געפינען זיך אין לאגער, געדריקט און געפייניגט אונטער דער שווערער האנט פון די רשעים. דער ראש הקהל פון סיגעט האט זיך משתדל געווען ביי דער לאגער־פארוואלטונג, אז מען זאל אויסטיילן די עסן־פארציע נאך בייטאג, כדי די אידן זאלן קענען עסן פאר בין השמשות.

נאכן עסן האט מען אין איינעם פון די בלאקן צוגעגרייט א פלאץ, וואו מען זאל זיך קענען צוזאמענעמען דאווענען מיט מנין.

ווען די אידן זענען פאר כל נדרי אריינגעקומען אין בלאק, זענען זיי אלע ווי איין מענטש אראפגעפאלן אויף זייערע פארשמוצטע געלעגערס. א געוויין האט אויסגעבראכן, וואס אזוינס האט מען נאך קיינמאל נישט געהערט. די בכיות זענען געווען אזוי ביטער און שרעקליך, אז טייל זענען גע'חלש'ט פון גרויס צער און געוויין.

נאך א שטיק צייט האט זיך דערהערט די שטימע פון **ד"ר קיזלניק**. ער האט אויסגערופן, אז ווער עס וויל מיטדאווענען מיטן ציבור, זאל קומען צום פלאץ וואס מען האט דערפאר צוגעגרייט. ער האט געוואונטשן די פארזאמלטע אידן א "גמר חתימה טובה" – און ווידער האט אויסגעבראכן א ביטערער געוויין.

אין יענער שעה האט **רבינו בעל ברך משה זי"ע** אויפגעטרעטן מיט דברי כיבושין. ער האט אנגעהויבן מיט די ווערטער פון דער משנה: **"אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם – אביכם שבשמים"** (יומא פה:).

דער רבי האט ערקלערט: ווען א מענטש טובל'ט זיך אין א מקוה, ווערט ער ריין פון זיין טומאה, אפילו מען האט אים געצוואונגען אריינצוגיין אין וואסער און ער האט זיך נישט געטובלט פון זיין אייגענעם ווילן. אזוי אויך, **ווען א איד טוט תשובה מתוך צרה ודוחק, די צרות האבן אים געבראכט זיך אומצוקערן צום אויבערשטן – ווערט אויך די תשובה אנגענומען אלס א תשובה שלימה.**

דער רבי האט ווייטער געבעטן פון טיפן הארצן, אז דער גוטער באשעפער זאל אננעמען די תשובה פון זיין פאלק ישראל, וואס ווערט אזוי געדריקט און געפייניגט אין דעם כור הברזל, נאך אזויפיל שווערע און ביטערע יסורים. און אין זכות פון די טויזנטער און טויזנטער קדושים, וואס האבן מוסר נפש געווען אויף קידוש שמו יתברך, זאלן מיר שוין זוכה זיין בקרוב צו דער גאולה שלימה, אינאיינעם מיט גאנץ כלל ישראל, אמן.

דער רבי האט נאך לאנג ממשיך געווען מיט דברי כיבושין, בשעת ער האט געוויינט בכיות גדולות ונוראות. זיינע ווערטער, אינאיינעם מיט זיינע בכיות, זענען אריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון די הערצער.

(אביר יעקב)

## אז מען קלאפט עפנט מען

איינמאל, אין די ימי הרחמים והסליחות, האט דער הייליגער **בית ישראל** זי"ע אויסגערופן מיט א געשריי: "**הפותח שער לדופקי בתשובה**"!

אפילו די טויערן זענען פארקלאפט און פארמאכט, אבער אז מען קלאפט שטארק – "לדופקי בתשובה" – עפנט מען צום סוף אויף!

(הרה"ק **הבית ישראל מגור** זי"ע)

## אז עס זאגט זיך אליין

אין א בריוו פון נר ב' דחנוכה תשנ"ג צו הגאון רבי **משה שטערנבוך** שליט"א, האט דער **תולדות אהרן רבי, הרה"ק רבי אברהם יצחק קאהן זי"ע**, געשריבן, אז ער שיקט אים זיין ספר "דרך אמונה", וואס איז דעמאלט ארויסגעקומען. דערביי האט ער זיך באצויגן צו א שאלה וואס ווערט באהאנדלט אין ספר "תשובות והנהגות": צי מען מעג מפסיק זיין אינמיטן דאווענען און זאגן "הייליגער באשעפער" וכדומה (תשובות והנהגות, חלק א סימן ע).

דער תולדות אהרן רבי האט געשריבן, אז בערך פופציג יאר פריער האט ער שוין געפרעגט די שאלה פון זיין הייליגן שווער, און דער שווער האט געענטפערט אז מען טאר נישט. אבער ער האט צוגעלייגט: **"אז יענער זאגט זיך אליין, איז מותר"**.

(עובדות והנהגות, עמוד תקלח)




## ברכת מזל טוב

אל מעלת כבוד ידידינו
הרה"ח ר' **אברהם ישעי' קליין** הי"ו
יושב ראש גליונינו הנהדרה "חלקינו בתורתיך"

לרגל ארוסי נכדתו למזל טוב
בת לחתנו הרה"ח ר' **יואל גליק** הי"ו
עב"ג הבה"ח המופלג בתוי"ש **יושע** נ"י
בן הרב **מנשה האראוויץ** שליט"א

הקב"ה יעזור שיזכו החתן כלה לעמוד בית נאמן בישראל
ויזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציו
ולהכתב ולהחתם לשנה טובה ומבורכת
בספרן של צדיקים אמן

בברכת צוות המערכת
יואל הכהן מאשקאוויטש - משה אברהם לייפער
שלמה הערשקאוויטש - אביעזר מרדכי שווארץ


חלקינו בתורתיך

מערכת
הגליון נערך ע"י מכון קונטרס
מו"ה אברהם ישעי' קליין
מו"ה יואל הכהן מאשקאוויטש
מו"ה משה אברהם לייפער
מו"ה שלמה הערשקאוויטש

להכניס דברי תורה בתוך הגליון ולהערות והארות:
טעל: 845.210.6668 | פעקס: 845.314.8486
אימעיל: chelkeiny@gmail.com

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אין אימעיל, שיקט א אימעיל צו: chelkeiny@gmail.com